בס"ד. שיחת ש"פ יתרו, מבה"ח אד"ר, כ"ד שבט, ה'תש"ל.

<ins>הנחת הת' בלתי מוגה</ins>

(כ"ק אדמו"ר שליט"א קידש על היין).

א. צוה לנגן ואמר את המאמר ד"ה וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר.

ב. מ'האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות (יום ג' פ' יתרו) וועגן "אנכי ה' אלקיך", אז בכדי עס זאל נמשך ווערן פון "אנכי" וואס לא איתרמיז לא בשום אות ולא בשום קוץ, אין "הוי'" [וואס "אנכי" איז באי"ע העכער פון "הוי'"], וואלט געדארפט זיין א גרויסער צמצום,

ווי ער איז מבאר אין ספר המצות פון דעם צ"צ, אין דרך מצותיך, אויף דעם וואס ער זאגט אין תניא אין פ"ב בהגה"ה באריכות אז דער אויבערשטער אליין איז א סך העכער פון חכמה, און עס דארפן זיין כמה צמצומים וכמה ירידות ביז עס קען זיין "הוא היודע והוא המדע וכו'" (און בלשון הרמב"ם: "הוא המשכיל והוא השכל והוא המושכל"),

עד"ז כדי עס זאל נמשך ווערן פון הוי' אין אלקיך, וואס איז לשון רבים ביז אז דאס ווערט כחך וחיותך, און פון אלקיך ווערט דער ענין הטבע (טאקע אין אן אופן פון גימטריא, אבער עכ"פ אין אן אופן פון גימטריא), וואס דאס איז מלשון טבעו בארץ שערי', ווי עס ברענגט זיך אין ספרים, אז דארט איז פארטרונקען און עס איז ניט קענטיק דער ענין פון אלקות - דארף אויף דעם אויך זיין כמה ירידות וצמצומים.

ווי אזוי קען מען אבער ממשיך זיין אז דארטן זאל שטיין בגלוי ניט נאר דער כח הפועל בנפעל, און דער ענין פון בדבר הוי' שמים נעשו, ביז אז מ'דערהערט אז "בדבר הוי' שמים נעשו", נאר אויך דער "אנכי", אויף דעם דארף מען האבן "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אז מ'שטייט העכער פון אלע צמצומים,

ווארום מפרשים זיינען מבאר אז דא שטייט הוצאתיך אן א י', איז דער טייטש אין דעם, אז דער אויבערשטער האט זיך אליין ארויסגענומען פון מצרים, און ווי מ'זאגט אין הושענות "והוצאתי אתכם וכו'", ווארום עמו אנכי בצרה, וגלו לאדום שכינה עמהם וכו', דער אויבערשטער אליין געפינט זיך אין מצרים, ווי ער האט געזאגט (ויגש מו,ד) אנכי ארד עמך מצרימה, און דערנאך ואנכי אעלך גם עלה, אז דער אויבערשטער גייט ארויס פון מצרים, וואס דאס איז פון מצרים כפשוטו און אויך פון מצרים בדקות, וואס דאס זיינען די אלע צמצומים ומצרים וגבולים.

און וויבאלד אז דער אויבערשטער שטייט העכער פאר אלע צמצומים, זיינען ניטא קיינע הגבלות און עס ווערט בטל דער ענין הנמנע ביי דעם אויבערשטן, ווארום ער איז א נמנע הנמנעות, קען ער פועל'ן אז פון "אנכי" זאל נמשך ווערן אין "הוי'", ביז אין "אלקיך", ביז דאס קומט אראפ דא למטה; וואס

אויף

אויף דערויף דארף מען האבן דעם ענין פון הוצאתיך מארץ מצרים, אז הוציא עצמו ממצרים, פון אלע צמצומים און מצרים וגבולים.

אבער דערנאך דאדף זיין די עבודה פון אידן, פועל׳ן די עלי׳ למעלה, וואס דאס איז געווען די כוונה פון דעם "את כל הדברים האלה", בכדי אז שפעטער זאל זיין דער "לאמר", די עבודה פון אידן פון קורא ושונה בתורה.

שטעלט זיך רש"י אויף (כ,ב) "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" און זאגט אויף דעם דריי פירושים, און יעדערן פון זיי זאגט ער מיט א דיבוי תיבות; וואס רש"י איז דאך מדוייק בחסר ויתיר, איז דאך פארשטאנדיק אז מ׳דארף האבן דעם ריבוי תיבות און אנדערש איז ניט שייך ארויסברענגען דעם פירוש בשלימות. (און דערנאך איז ער מסיים מיט אן ענין וואס איז לכאורה אינגאנצן ניט נוגע צו פירוש רש"י אויף דעם פסוק, וואס דאס איז גאר אן אנדער ענין – וואס די שאלה איז קובע ברכה לעצמה, און דער תירוץ איז קובע ברכה לעצמו, ווארום עס איז אינגאנצן ניט מובן פארוואס רש"י ברענגט דאס אראפ בפירושו אויף אשר הוצאתיך מארץ מצרים).

זאגט רש"י אויף אשר הוצאתיך מארץ מצרים: "כדאי היא ההוצאה שתהיו משועבדים לי". ד.ה. אז דער ווארט "אשר" איז א טעם; ווארום "אשר" האט אין זיך צוויי פירושים: א) דאס איז א טעם, ב) דאס איז א סימן, זאגט רש"י אז לויט דעם ערשטן פירוש איז "אשר" א טעם (און לויט דעם צווייטן און דריטן פירוש איז "אשר" א סימן), ד.ה. אז דער טעם אויף דעם וואס אנכי הוי׳ אלקיך (און אויך דאס וואס שטייט ווייטער "לא יהי׳ לך וגו׳") איז "אשר הוצאתיך מארץ מצרים"; ווייל ס׳איז געווען די הוצאה ממצדים דארפט איר זיין משועבדים לי.

זאגן מפרשים אז דא איז רש"י׳ן שווער: וויבאלד דא רעכנט מען אויס די מעלות פון דעם אויבערשטן, האט געדארפט שטיין נאך א גרעסערע מעלה, אז ברא שמים וארץ; פארוואס שטייט אשר הוצאתיך מארץ מצרים? אויף דעם זאגט רש"י "כדאי היא ההוצאה שתהיו משועבדים לי".

איז ניט פארשטאנדיק:

א) דער בן חמש למקרא האט שוין פריער געלערנט אז יציאת מצרים איז פארבונדן מיט מתן תורה; מ׳האט געלערנט פריער אין התחלת פ׳ וארא אז דער אויבערשטער האט געזאגט והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים והצלתי אתכם מעבדתם וגאלתי אתכם, און דערנאך ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים, זעט מען אז מ"ת קומט בהמשך צו יציאת מצרים, אז גלייך נאך והוצאתי אתכם און וגאלתי אתכם קומט ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים, וואס דאס איז מתן תורה, איז פארוואס דארף דאס רש"י זאגן – עס איז א דבר הפשוט?

נאכמער: רש"י איז מפרש אויף (יתרו יט,ב) ויחן שם ישראל נגד ההר: "כאיש אחד בלב אחד, אבל שאר כל החניות בתרעומות

בתערומות ובמחלוקת", ד.ה. אז פריער האט ניט געקענט זיין מ"ת ווייל ביז דעמאלט איז ניט געווען "כאיש אחד בלב אחד"; איז מובן אז אויב פריער וואלט געווען "ויחן", וואלט געווען מ"ת גלייך נאכדעם ווי מ'איז ארויס פון ארץ מצרים; זעט מען נאך מער די שייכות פון יציאת מצרים צו מתן תורה.

ובאמת שטייט עס שוין פאר פרשת וארא – אין פרשת שמות (ג,יב): דער אויבערשטער האט געזאגט משה'ן, [און משה האט דאך דערנאך איבערגעזאגט אידן], אז מיט וואס פאר א זכות גייען אידן ארויס פון מצרים, איז דאס צוליב תעבדון את האלקים על ההר הזה, דעם ענין פון מתן תורה,

[אעפ"י מ'געפינט ניט אז משה האט דאס איבערגעזאגט צו אידן, זיינען אבער (ווי מ'האט גערעדט כמה פעמים) דא כמה ענינים בתורה וואו עס שטייט נאר ווי דער אויבערשטער האט עס געזאגט צו משה'ן, און עס איז מעצמו מובן אז משה האט דאס דערנאך איבערגעזאגט אידן; פונקט ווי עס זיינען פאראן ענינים וואס משה האט געזאגט אידן אעפ"י אז עס שטייט ניט אז דער אויבערשטער האט דאס געזאגט צו משה'ן, ווייל עס איז מעצמו מובן אז דער אויבערשטער האט דאס געזאגט משה'ן],

איז ניט מובן: פארוואס דארף דאס רש"י דא באווארענען?

ב) נאכמער: מ'דארף אפילו ניט אנקומען צו פרשת וארא – די קשיא איז מלכתחילה קיין קשיא ניט [ע"ד הפשט], ווארום דא שטייט דאך "אלקיך", אז ער איז ספעציעל פון אידן, דארף ער דאך זאגן א טעם וואס איז נוגע ספעציעל צו אידן, וואס דאס איז טאקע איינער פון די תירוצים אויף דעם, אז וויבאלד ביי מ"ת האט מען אויסגעטיילט אידן פון אלע אנדערע עמים, וואס דערפאר שטייט "אלקיך", פון אידן, און ס'שטייט ניט "אנכי הוי' אלקי העולם" (ווייל דעמאלט איז דאס ניט קיין הסברה פארוואס מ'גיט תורה דוקא צו אידן), דערפאר מוז שטיין "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", ווארום דאס איז מסביר פארוואס "אנכי הוי' אלקיך", פארוואס מ'גיט דאס דוקא צו אידן; און דערפאר קען ניט שטיין "אשר בראתי שמים וארץ".

ג) דערפון קומט ארויס נאך א קשיא: לפי' המפרשים, אז רש"י איז מפרש אז "אנכי הוי' אלקיך" איז צוליב "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", ד.ה. אז דאס קומט בהמשך צו "אנכי הוי' אלקיך", האט דאך רש"י געדארפט אראפברענגען (אין דיבור המתחיל) אויך די ווערטער "אנכי ה' אלקיך", אדער עכ"פ "אלקיך", און לפועל איז רש"י מעתיק נאר די ווערטער "אשר הוצאתיך מארץ מצרים"?

עפי"ז פאלט אראפ נאך אן ענין וואס די מפרשים ווילן לערנען, אז פארוואס דארף רש"י אנקומען צו דעם צווייטן פירוש, ווייל לויט דעם ערשטן פירוש האט ניט געדארפט שטיין "מבית עבדים" – עס איז דאך גענוג דאס וואס שטייט "הוצאתיך מארץ מצרים",

אבער אין רש"י קען מען אזוי ניט לערנען, ווארום לפי"ז

לפי"ז האט רש"י געדארפט אראפברענגען אויך די ווערטער "מבית עבדים"; מוז מען דאך זאגן אז דאס איז ניט נוגע לפירושו – ווארום דאס איז קיין קשיא ניט, ווי מ'זעט אז פריער אין פ' וארא שטייט אויך אזוי: עס שטייט פריער "והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים", און דערנאך שטייט "והצלתי אתכם מעבודתם", שטייט דאך אויך דארטן ביידע ענינים, סיי "מארץ מצרים" און סיי "מבית עבדים", און ס'איז מובן פארוואס דאס דארף שטיין, ווארום וואס מער טובה מ'טוט, קען מען מאנען אלץ מער שעבוד, איז וויבאלד עס זיינען דא צוויי טובות, דארף זיין אלץ מער שעבוד.

איז מובן מכל הנ"ל אז רש"י'ן איז שווער נאר די ווערטער "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", און דאס האט קיין שייכות ניט צו פריער און ניט צו שפעטער, ולכאורה איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס איז שווער רש"י'ן; ס'איז א דבר הפשוט אז מ"ת קומט בהמשך צו יציאת מצרים?

דערנאך זאגט רש"י: "ד"א וואס פון דעם אליין איז שוין פארשטאנדיק אז דער ערשטער פירוש איז ניט מספיק און מ'דארף אנקומען צו א ד"א (וואס לויט דעם צווייטן פירוש איז "אשר" א סימן) "לפי שנגלה בים כגבור מלחמה" ווי עס שטייט פריער ביי קריעת ים סוף "ה' איש מלחמה" "ונגלה כאן כזקן מלא רחמים שנא'" ווי עס שטייט ווייטער אין פרשת משפטים, אז בשעה מ"ת האבן אידן געזען "ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר" אז דער אויבערשטער האט געהאלטן ביי זיך א ציגל, ולכאורה פארוואס איז דאס, ווייל "זו היתה לפניו בשעת השעבוד" אז ער זאל געדענקען די צרות השעבוד וואס אידן האבן געהאט אין מצרים, און דערנאך שטייט "וכעצם השמים משנגאלו – הואיל ואני משתנה במראות אל תאמרו שתי רשויות הן אנכי הוא אשר הוצאתיך ממצרים ועל הים" אז פונקט ווי ביי יצי"מ איז געווען איינער, אזוי איז ביי מ"ת אויך איינער; ולפי"ז איז "אשר" א סימן.

איז ניט פארשטאנדיק:

ד) פארוואס דארף רש"י אראפברענגען די ווערטער "וכעצם השמים", דא איז דאך נאר נוגע אז זיי האבן געזען "כמעשה לבנת הספיר", אז "נגלה כזקן מלא רחמים", אבער "וכעצם השמים לטהר" איז ניט נוגע, דאס איז נוגע אין פרשת משפטים, און אין פ' משפטים זאגט טאקע רש"י וואס זיינען די צוויי ענינים פון "מעשה לבנת הספיר" און "כעצם השמים לטהר", אבער פארוואס דארף דאס רש"י דא ברענגען?

ה) וואס איז די שאלה "הואיל ואני משתנה במראות אל תאמרו שתי רשויות הן" – ס'איז דאך א חילוק צווישן מצרים און אידן; "כגבור מלחמה" איז ער געווען לגבי מצרים, און "זקן מלא רחמים" לגבי אידן, איז וואס איז די סברא אז "שתי רשויות הן"?

נאכמער: אויב דאס איז א שאלה, איז דאך די זעלבע שאלה אויף דעם וואס עס שטייט (וארא ח, יט) אז דער אויבערשטער האט

געזאגט "ושמתי פדוה בין עמי ובין עמך", אז די מכות זיינען געווען מכות צו מצרים און רפא לישראל, דארף דאך אויך זיין א שאלה "שתי רשויות הן", נאר ס'איז בפשטות אז דער תירוץ איז אז דאס איז "עמי" און דאס איז "עמך", איז דער זעלבער תירוץ דא, אז דאס איז מצרים און דאס זיינען אידן?

און ווי דער בן חמש למקרא זעט ביי זיך אליין, אז בשעת ער טוט אן ענין בלתי רצוי, גיט אים זיין פאטער אן עונש, און בשעת ער טוט אן ענין רצוי, גיט ער אים שכר, באטש אז דאס איז דער זעלבער פאטער. ואדרבא: מצד דערוף גופא וואס ער איז זיין פאטער, דערפאר ווען ער טוט א דבר רצוי האט ער שכר און ווען ער טוט אן ענין בלתי רצוי האט ער אן עונש,

איז די זעלבע זאך בענין נגוף למצרים ורפא לישראל; און דאס איז פארשטאנדיק בפשטות: וויבאלד פרעה וויל ניט פאלגן דעם "שלח את עמי", קומט אים מכות, משא"כ צום "עמי" קומט עס ניט,

[ביז אז די אידן האבן גאר געהאט א טובה פון די מכות - ביי מכת חושך זיינען די אידן געגאנגען צו די מצריים און האבן געזען די אלע ענינים וואס די מצריים האבן, און דערנאך האבן זיי געבעטן בארגן דאס וכו', און דאס האט געבראכט דעם "ונצלתם את מצרים", און עס איז געווען דער ביזת מצרים און ביזת הים, וואס דאס איז אן עשירות מופלגה],

איז אזוי אויך בנוגע גבור מלחמה און זקן מלא רחמים, אז גבור מלחמה איז בנוגע מצרים און זקן מלא רחמים איז בנוגע אידן, איז וואס איז די שאלה אל תאמרו שתי רשויות הן?

ו) פארוואס זאגט רש"י "הואיל ואני משתנה במראות", וואס איז דא נוגע דערווארט "במראות"?

דערנאך זאגט רש"י א דריטן פשט: "ד"א לפי שהיו שומעין קולות הרבה שנאמר את הקולות" [ניט ווי עס שטייט פריער "יעננו בקול", אדער "קול השופר חזק מאד", וואס דאס איז לשון יחיד, נאר דא שטייט לשון רבים] "קולות באין מד' רוחות ומן השמים ומן הארץ אל תאמרו רשויות הרבה הן" [וואס דערפאר שטייט "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אז פונקט ווי ביי יציאת מצרים האבן אלע געזען אז דאס איז איינער, און אלע האבן געזאגט "זה א-לי ואנוהו", אזוי אויך דא איז נאר איינער - ווי מפרשים טייטשן].

איז ניט מובן:

ז) פארוואס דארף רש"י זאגן "מד' רוחות ומן השמים ומן הארץ"? וואס איז נוגע זאגן אז דאס איז געקומען פון אומעטום; בפשטות איז נוגע נאר אז מען האט געהערט מער ווי איין קול, איז פארוואס דארף רש"י זאגן אז ס'איז געווען "מד' רוחות ומן השמים ומן הארץ"?

דערנאך זאגט רש"י: "ולמה אמר לשון יחיד אלקיך" [לכאו' האט

האט געדארפט שטיין "אלקיכם"] "ליתן פתחון פה למשה ללמד סניגוריא במעשה העגל וזהו שאמר למה ה' יחרה אפך בעמך לא להם צוית לא יהי' לכם אלקים אחרים אלא לי לבדי".

איז ניט מובן:

ח) וואס פאר א שייכות האט דאס מיט "אשר הוצאתיך מארץ מצרים"; דאס איז א טעם פארוואס עס שטייט "אלקיך" אין פסוק, אבער ס'איז ניט פארבונדן מיט דעם וואס עס שטייט "הוצאתיך מארץ מצרים", האט דאך רש"י דאס געדארפט מפרש זיין פריער, ווארום "אלקיך" שטייט אין פסוק פאר "הוצאתיך מארמ"צ"? נאך מער: רש"י זאגט "ולמה אמר", מיט א וא"ו המוסיף, איז מובן אז דאס קומט בהמשך צו זיין פירוש אויף "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", ולכאורה וואס איז דער המשך?

וואלט רש"י זאגן אן א וא"ו, וואלט נאר געווען שווער דער שינוי הסדר, אבער אז רש"י זאגט מיט א וא"ו, איז אויך ניט מובן וואס פאר א שייכות דאס האט דוקא צו זיין פירוש אויף "אשר הוצאתיך מארץ מצרים"?

און די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח עפ"י דרך הפשט און צו א בן חמש למקרא, אז רש"י דארף אנקומען צו די אלע דריי פירושים. וכפי שיתבאר לקמן.

ג. מ'האלט דאך איצטער אין אגה"ת פרק העשירי, וואס אין היינטיקן שבת ענדיקט זיך עשר שנים וואס מ'לערנט תניא ע"י גלי האויר [דאס איז טאקע ניט קיין ענין פון "אויר", אבער וויבאלד דאס איז ניט קיין ענין חומרי וגשמי, האט מען ניט קיין אנדער ווארט, זאגט מען "אויר"], און עס הויבט זיך אן דער שנת האחד עשר.

וואס עשר איז א מספר שלם, ווי מ'זעט אויך אז אזוי איז דאס ביי דעם אדם, אז ביי אים זיינען פאראן עשר כוחות, און ווי ער איז מסביר אין ספר הפרדס בתחלתו אז למעלה זיינען די ספירות במספר עשר, עשר ולא אחד עשר, עשר ולא תשע, און אזוי אויך אין וועלט זיינען אלע ענינים פאנאנדערגעטיילט אין צען;

דערפאר איז אויך אין עבודת האדם (וואס ער איז מחבר די צוויי ענינים) פאראן דער מספר עשר, וואס דאס איז אויך דער ענין פון "עשר הילולים", ווי די גמרא (ר"ה לב,א) זאגט אז דערפאר זאגט מען בר"ה עשר פסוקים פון מלכיות זכרונות און שופרות, ווייל דאס איז פארבונדן מיט די עשרה מאמרות, די עשרת הדברות, די עשר הילולים וכו'.

דעריבער איז אויך דער מספר עשר אן ענין פון פרהסיא, וכידוע אז דער גרעסטער פרהסיא איז בשעת עס זיינען דא צען; און בשעת ס'איז דא מער פאר צען קומט צו נאר אין "ברוב עם הדרת מלך", אדער בנוגע ברכת חכם הרזים, וואס דאס קען זיין נאר בשעת ס'זיינען דא ששים רבוא, ווי מ'האט גערעדט אמאל; אבער דער גרעסטער פרהסיא איז בשעת ס'זיינען דא עשר.

ה. בנוגע דער רש"י: רש"י'ן איז דא שווער וואס ער זאגט דא "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אז צוליב דערויף דארף זיין מ"ת. דלכאורה שטייט שוין פריער פארוואס עס דארף זיין מ"ת: פריער (יט,ד) שטייט אז דער אויבערשטער האט געהייסן משה'ן זאגן אידן "אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי", אז אידן האבן געזען "אשר עשיתי למצרים" נאך זייענדיק אין מצרים, און "ואשא אתכם על כנפי נשרים", וואס דאס איז שוין געווען ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים, ווי רש"י (יב,לז) זאגט אז ס'איז געווען א ווייטער מהלך, און אידן האבן דאס געמאכט שנעל,

און אויף דעם זאגט דער פסוק ווייטער "ועתה אם שמוע תשמעו בקולי גו' והייתם לי סגולה גו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", ד.ה. אז צוליב "אתם ראיתם וגו'" וועט זיין מ"ת – וואס ווי מ'זאל נאר לערנען "והייתם לי סגולה וגו'", צי דאס איז אויך א טעם, אדער דאס אליין איז שוין דער ענין פון מ"ת, איז אבער עכ"פ מובן פון דעם פסוק אז מ"ת איז צוליב "אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים".

נאך מער: דערנאך זאגט ער "אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל", און רש"י זאגט "לא פחות ולא יותר"; שטייט דאך שוין דער טעם פארוואס "אנכי ה' אלקיך", איז ניט פארשטאנדיק וואס ער זאגט דא אן אנדער טעם – "אשר הוצאתיך מארץ מצרים"?

אויף דעם זאגט רש"י, אז דא וויל דער פסוק זאגן א נייעם ענין, אז "כדאי היא ההוצאה שתהיו משועבדים לי", אז צוליב "הוצאתיך מארץ מצרים" דארפט איר זיין משועבדים לי, ד.ה. אז ס'איז ניט קיין טעם אויף "אנכי הוי' אלקיך", נאר דאס איז אן ענין בפ"ע, אז "כדאי היא ההוצאה שתהיו משועבדים לי".

עפי"ז איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י בייט איבער דעם לשון און זאגט "משועבדים", ניט ווי עס שטייט אין פסוק "מבית עבדים", און אויך ניט ווי דער לשון הפסוק אין בהר (כה, מב) "עבדי הם", ווייל דער אויפטו פון "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" איז: "שתהיו <u>משועבדים</u> לי", ניט בלויז "עבדים" נאר "משועבדים".

וואס דאס איז ניט דער ענין וואס שטייט פריער "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", וואס עס זיינען דא כמה ענינים וואס א כהן דארף טאן, אעפ"י אז ער איז ניט משועבד, און אויך זיינען פאראן כמה ענינים וואס מ'דארף טאן אלס "גוי קדוש", אעפ"י אז ער איז ניט "משועבד", דא אבער קומט צו דער ענין פון "משועבדים לי".

וואס איז דער חילוק צווישן עבדים און משועבדים? אן עבד טוט זיין ארבעט וואס ער דארף טאן פארן אדון, און אויב ער איז אן עבד נאמן טוט ער זיין ארבעט באמנות, ס'איז אבער אויך פאראן א זמן ווען ער עסט און שלאפט און טרינקט, און ער האט ניט קיין ארבעט צו טאן – ווארום ער איז ניט מחויב בייך זיגן

זוכן זאכן וואס ער קען טאן אויף מאכן נחת רוח פארן אדון; ער איז ניט מחוייב אויפמאכן רצונות פארן אדון בכדי אז ער זאל זיי שפעטער קענען טאן און ע״ז גורם זיין נחת רוח דעם אדון,

משא״כ דער וואס איז "משועבד", האט קיין שום מציאות לעצמו ניט, מיט אלע זיינע ענינים איז ער משועבד צום אדון, ע״ד ווי דער ענין פון שעבוד ממון ביי קנינים, וואס ניט איין פרט אין דעם איז משועבד, נאר דער גאנצער ענין איז משועבד, ועד״ז איז בשעת אן עבד איז משועבד – ובמילא זוכט ער אויפמאכן נייע רצונות ביים אדון, און זיי ממלא זיין.

אט-דער ענין האט זיך אויפגעטאן ביי מתן תורה, און דער טעם אויף דעם איז: "כדאי היא ההוצאה" – "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", ווי רש״י זאגט פריער אין פ׳ יתרו (יח,ט) אויף "על כל הטובה": "ועל כולן אשר הצילו מיד מצרים עד עכשיו לא הי׳ עבד יכול לברוח ממצרים שהיתה הארץ מסוגרת ואלו יצאו ששים רבוא". וואס "לא הי׳ עבד יכול לברוח ממצרים" מיינט אז מ׳איז געווען משועבד צו מצרים; מ׳האט געקענט עסן, שלאפן, טרינקען, גיין שפאצירן און טאן מסחר, אבער דאס איז אלץ באופן אז איננו יכול לברוח, מ׳איז אריין אין מצרים – איז פארפאלן, מ׳קען פון דארט ניט ארויסגיין; דערפאר בשעת מ׳גייט ארויס פון ארץ מצרים, דארף זיין מדה כנגד מדה, אז מ׳דארף זיין משועבד צום אויבערשטן.

פון וואנעט ווייס טאקע רש״י אז ביי מ״ת האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון "שעבוד"? איז דאס מובן פון דעם וואס רש״י האט פריער מפרש געווען אויף "וידבר אלקים" (וואס דער בן חמש למקרא לערנט חת״ת און געדענקט עכ״פ ביז מארגן, ובמילא שלאפט ער ניט ביי דער התוועדות): "לפי שיש פרשיות בתורה שאם עשאן אדם מקבל שכר ואם לאו איננו מקבל עליהם פורעניות, יכול אף עשה״ד כן ת״ל וידבר אלקים דיין ליפרע",

ווארום עס זיינען דא מצוות וועלכע מ׳איז ניט מחוייב צו טאן, ע״ד ווי מצות מעקה לגגך, שטייט ערגעץ ניט אז מ׳איז מחוייב בויען א הויז בכדי מקיים זיין מצות מעקה, אדער עס שטייט ניט אז מ׳טאר ניט לעבן אין אן אהל וואס האט ניט קיין גג בכדי מ׳זאל קענען מקיים זיין מצות מעקה; עס זיינען אבער אויך דא מצוות וואס מ׳איז מחוייב צו טאן, ווי מצות תפילין וואס מ׳דארף לייגן אפילו אז מ׳האט ניט קיין בהמה פון וואנעט צו נעמען קלף, אעפ״כ דארף מען זוכן מ׳זאל קענען מקיים זיין די מצוה.

- אויך זיינען פאראן מצוות אזוי ווי ציצית, וואס עס איז ניטא קיין חיוב טראגן ציצית, אעפ״כ איז אבער דא א בגד וואס איז מחוייב בזה; די גמרא (מנחות מא,א) זאגט אבער אז "סדינא בקייטא וסרבלא בסיתוא" איז "בזמן דאיכא ריתחא" וועט מען מעניש זיין אויף דעם; ניט "בזמן דאיכא ריתחא" וועט דאס ניט שאטן, אבער "בזמן דאיכא ריתחא" קען דאס שאטן, משא״כ בנוגע מצות מעקה וכיו״ב, וועט אפילו בעידנא דריתחא אויך ניט שאטן.

ועד״ז

ועד"ז ברכת הנהנין: ס׳איז ניטא קיין חיוב צו מאכן ברכת הנהנין (עס שטייט טאקע אין ירושלמי (סוף קידושין) אז עתיד ליתן את הדין אויף כל דבר וואס ער האט געזען און האט נישט געהאט קיין הנאה פון דעם, דאס איז אבער ניט מצד די ברכת הנהנין, דאס איז מצד דעם וואס ווי קומט עס אז מ׳האט איס באוויזן א זאך, און ער האט ניט געמאכט אז א איד זאל הנאה האבן פון דעם), אבער אז ער האט הנאה דארף ער מאכן א ברכה.

זאגט רש"י אז בנוגע די עשה"ד איז "דיין להפרע". און דאס איז דער ענין פון זיין "משועבדים", אז ס׳איז "דיין להפרע" אויך אויב ער טוט עס ניט, וואס דאס איז דער גדר "שעבוד"; דערפאר זאגט רש"י אז דער אויפטו אין "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" איז "שתהיו משועבדים לי", ניט סתם "עבדות", נאר דער ענין פון "שעבוד".

דאס איז ניט קיין סתירה צו דעם וואס מ׳זאגט אז אויך א עבד איז ניט קיין מציאות לעצמו – וואָרום דער אדון אליין איז אויך ניט מחוייב זיצן און זיך מתבונן זיין אויף צו געפינען זייע רצונות, איז במילא דער עבד אויך אזוי, אז ער איז ניט מחוייב זוכן ענינים צו טאן פארן אדון, משא"כ דער ענין פון "שעבוד", אז ער איז אינגאנצן ניט קיין מציאות לעצמו.

און דאס איז רש"י מפרש פארוואס דא שטייט "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אעפ"י אז פריער שטייט אן אנדער טעם פארוואס עס דארף זיין מ"ת, ווייל דאס איז ניט קיין טעם אויף מ"ת, נאר דא טוט אויף דער פסוק א נייעם ענין "שתהיו משועבדים לי".

דער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, וואָרום לפי"ז אז דאס איז אן ענין כללי וואס האט זיך אויפגעטאן ביי מ"ת, האט דאס געדארפט שטיין אדער בתחילה, נאך פאר "אנכי ה׳ אלקיך", אדער צום סוף פון אלע עשרת הדברות, פארוואס שטייט דאס נאך די ווערטער "אנכי ה׳ אלקיך" און פאר די ווערטער "מבית עבדים"?

נאך מער: דער ענין פון "שעבוד" איז בכלל ניט נוגע צו די ערשטע דברות פון די עשה"ד, וואָרום דער ענין פון שעבוד איז ניט נוגע אויף א לא תעשה, וואָרום ס׳איז ניט שייך קיין ה"א זאגן אויף א לא תעשה אז ער זאל ניט קריגן קיין פורעניות אויב ער וועט דאס טאן – מ׳טאר דאך דאס ניט טאן; און אויך אויף "אנכי ה׳ אלקיך" איז דאס ניט נוגע, וואָרום דאס איז דאך דער עיקר פון אלץ, איז ניט שייך זאגן ער זאל ניט קריגן קיין פורעניות אויב ער טוט דאס ניט.

קומט אויס אז ביז "זכור את יום השבת" איז עס ניט נוגע, און דערנאך שטייען ווייטער מצות לא תעשה, איז דאס נאר נוגע אויף צוויי מצות עשה, איז עס דאך א מיעוט, פאסט ניט זאגן אז די תורה זאל פונקט דא אריינשטעלן דעם ענין השעבוד,

דערפאר איז זיך רש"י ניט מסתפק מיט דעם פירוש און ער זאגט "ד"א" (וואס לויט דעם פירוש איז "אשר" א סימן), אז ווי-באלד עס קען זיין א סברא "שתי רשויות הן", דערפאר זאגט ער "אשר הוצאתיך מאמ"צ", אז מ׳זאל וויסן אז דאס איז נאר איינער.

דערפאר איז בסוף פון דעם פירוש, רש"י יע מעתיק דעם ווארט "אנכי", ווארום לפירוש זה זיינען די ווערטער "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" א סימן אויף דעם "אנכי".

און ס'איז קיין קשיא ניט פארוואס פריער אין מצרים בשעת עס איז געווען "ושמתי פדות" האט מען ניט געדארפט באווארענען די סברא "שתי רשויות", ווארום דארט איז נאר געווען דער חילוק אין דער פעולה, דער מקור אבער איז געווען דער זעלבער אין ביידע פעולות, ווארום מ'האט ניט געזען אז דער וואס טוט די פעולות זאל זיין אן אנדערער,

ובפרט אז אין מצרים איז בכלל ניט געווען קיין גילוי אלקות, ווארום ס'איז געווען מלאה גילולים, ווי רש"י זאגט פריער (וארא ט,כט), און אפילו אין מושב בני ישראל, אין ארץ גושן, איז ניט געווען דער ענין פון גילוי אלקות, און ווי עס שטייט פריער (שם, ו,ג) "ושמי ה' לא נודעתי להם", וכפירש"י "לא נכרתי להם במדת אמיתית שלי"; האט מען בלויז געזען די פעולה, אז לגבי מצרים זיינען דאס מכות, משא"כ לגבי אידן, ובמילא האט עס ניט גע'פועל'ט קיין סברא "שתי רשויות", ווארום ס'איז מובן אז די פעולה בייט זיך לויט דעם צו וועמען מ'טוט די פעולה - אעפ"י אז דער מקור איז איינער.

משא"כ דא איז דאך געווען "אני משתנה במראות", דא רעדט זיך וועגן מראה, אז מ'האט געזען דעם אויבערשטן אליין, און "נגלה בים כגבור מלחמה ונגלה כאן כזקן מלא רחמים", איז דא דער חשש פון שתי רשויות הן, ווארום פריער קוקט ער אליין (דער מקור הפעולות) אויס אזוי און דערנאך קוקט ער אליין אויס אנדערש, דערפאר דארף שטיין "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אז מ'זאל וויסן אז ס'איז דא נאר איינער.

דער פירוש אליין איז אבער אויך ניט מספיק, ווארום אויב מ'דארף באווארענען דעם ענין פון "שתי רשויות" האט דאס געדארפט שטיין גלייך ביי "וירד ה' על הר סיני", ווארום גלייך דעמאלט ווערט דער מקום לטעות, פארוואס ווארט מען ביז ער זאל זאגן "אנכי ה' אלקיך", און ערשט דערנאך דאס באווארענען - דערווייליע זיינען דאך אידן בספק?

דערפאר זאגט רש"י "ד"א", אז ס'איז דא א דריטער פירוש, אז וויבאלד זיי האבן געהערט "קולות הרבה", איז דא א מקום לטעות אז "שתי רשויות הן", דארף ער באווארענען אז דאס איז ער.

וואס לויט דעם פירוש איז מובן פארוואס דאס שטייט נאך "אנכי ה' אלקיך", ווארום דער חשש פון שתי רשויות הן איז ערשט געווארן לאחר וואס זיי האבן עפעס געהערט פון אויבערשטן, דערפאר האט ער דאס באווארנט גלייך נאך דעם ערשטן ענין.

נאך א מעלה אין דריטן פירוש: לויט דעם צווייטן פירוש איז ניט מובן: וואס איז דער חשש פון "הואיל ואני משתנה במראות" (בכלל דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט במראות - איש זעט מען ניט - אינו ברור), דער קינד וויים ביי זיך אליין אז

בשעת

בשעת זיין פאטער איז אין כעס האט ער אן אנדער מראה, און בשעת ער איז ניט אין כעס האט ער אן אנדער מראה, און אזוי געפינט מען אויך ביי דעם אויבערשטן, אז בשעת ער איז געווען אין כעס שטייט (בשלח טו,ח) "וברוח אפיך נערמו מים", אז ס'איז בדוגמת א מענטש וואס בשעת ער ווערט אין כעס איז יוצא רוח מנחיריו, איז אזוי אויך ביי דעם אויבערשטן; איז במילא ניט מובן: פאר-וואס זאל זיין א מקום לטעות מצד דערויף וואס נגלה בים כגבור מלחמה ונגלה כאן כזקן מלא רחמים?

דערפאר לערנט רש"י אז דער חשש איז מצד די "קולות הרבה". נאר דאס איז ניט פארשטאנדיק: זיי האבן דאך געהערט פון אלע רוחות דעם זעלבן נוסח "אנכי הוי' אלקיך", איז ווי קען זיין א מקום לטעות? דערפאר איז רש"י מדייק אז דער קול איז געקומען פון "ד' רוחות ומן השמים ומן הארץ", ולכאורה ווי קומט דער קול פון ד' רוחות העולם וועלכע זיינען באזונ-דערע ערטער, און פון שמים וארץ וועלכע זיינען צוויי וועלטן, איז מצד דעם דא דער חשש אז מ'וועט זאגן "שתי רשויות הן".

נאר דער פירוש איז אויך ניט מספיק, ווארום צו זאגן אז מ'האט געהערט אומעטום דעם זעלבן לשון "אנכי הוי' אלקיך", און אעפ"כ זאל מען מאכן א טעות, איז אזא טעות קען נאר מאכן א פרא אדם; אבער "כנגד ארבעה בנים דברה תורה", באווארנט תורה א פרא אדם אויך; אבער דערפאר קומט דאס אלס דריטער פי'.

דערנאך זאגט רש"י "ולמה אמר לשון יחיד אלקיך". ולכאורה, מ'געפינט אז א סך מאל שטייט בלשון יחיד און ס'איז קיין קשיא ניט, ווי מען האט פריער געלערנט (בשלח טו,כו) "כי אני ה' רופאך" בלשון יחיד, און אויך שטייט דארטן "והאזנת למצותיו ושמרת כל חוקיו", שטייט ניט והאזנתם לשון רבים נאר לשון יחיד, און דאס איז מצד דעם וואס מ'רעדט צום עם ישראל, און וויבאלד אז מ'רעדט צו אלעמען אלס עם, שטייט בלשון יחיד.

דא אבער אז מ'וויל באווארענען שתי רשויות, האט געדארפט שטיין א לשון וואס גיט וואס ווייניקער מקום לטעות - האט געדארפט שטיין אלקיכם, אבער ניט אלקיך, וואס דאס גיט א מקום (עכ"פ) צו מיינען אז יעדער איינער באזונדער האט זיין "אלקיך".

אומעטום איז קיין קשיא ניט "אלקיך", ווארום מ'רעדט צו אידן אלס עם; אעפ"י אז ערשט לאחר מ"ת, מצד תורה, זיינען אלע אידן געווארן אזוי ווי א נקודה אחת און יעדער יחיד איז דער גאנצער כלל, איז אבער אויך קודם מ"ת געווען די מצות פון פאר מ"ת וואס האט מאחד געווען אלע אידן, טאקע ניט אזוי ווי נאך מ"ת, אבער דאס איז אויך אן ענין פון אחדות. און אפילו אז מ'וועט זאגן אז דער ענין איז ניטא פאר מ"ת, איז אבער מצד דעם וואס מ'רעדט צום עם, קען שטיין לשון יחיד, משא"כ דא וואו מ'וויל באווארענען שתי רשויות, האט געדארפט שטיין במיוחד ניט "אלקיך", נאר "אלקיכם", דערפאר פרעגט רש"י "ולמה אמר לשון יחיד אלקיך".

עפי"ז זיינען פארשטאנדיק אלע דיוקים אין פירוש רש"י, אז רש"י מוז אנקומען צו אלע דריי פירושים, און דאס וואס רכ"י איז זיך ניט מסתפק מיט די לעצטע צוויי פירושים, איז ווייל ברוב המקומות איז "אשר" א טעם און ניט קיין סימן, און אויך איז דער גאנצער ענין פון דארפן באווארענען שתי רשויות ביי מ"ח ניט קיין גלאטיקער ענין, דערפאר איז זיך רש"י ניט מסתפק מיט די לעצטע צוויי פירושים און ברענגט אויך דעם ערשטן פי', ואדרבא: דער פירוש איז מער קרוב לפשט, אז דא איז אויפגעטאן געווארן דער ענין פון "משועבדים לי".

ו. בנוגע אגה"ת: דאס וואס דער אלטער רבי ברענגט "אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש" און "אלא מתוך שמחה" אויף ק"ש, וועט ווערן פארשטאנדיק עפ"י וואס ער רעדט אין לקו"ת אין סוף במדבר אויף "ממושבותיכם תביאו לחם תנופה", אז עס זיינען דא צוויי ענינים אין תפלה, וואס אין אותיות פון נגלה איז עס, אז מ'איז דא בתפלה דער ענין פון בקשת צרכיו, וואס דאס איז בשמו"ע, וואס דעמאלט זיינען דא אלע בקשות, און דאס טאר ניט זיין פאר שמו"ע; ניט אין ק"ש, ניט אין ברכות ק"ש, ניט אין פסוד"ז, ניט אין הודו און אפילו ניט אין מה טובו, ווארום דאס איז ניט מצד דעם ענין ההפסק, נאר דאס איז ע"ד ווי מ'טאר ניט עסן פארן דאווענען.

דער צווייטער ענין בתפלה איז דער ענין פון "ואשפוך את נפשי לפני ה'", וואס דאס איז דער ענין פון "אתדבקות רוחא ברוחא", און דער ענין איז פאראן מער בק"ש ווי אין שמו"ע, ווארום בק"ש איז דא דער ענין פון מס"נ, ה' אחד, און דערנאך זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, און דערנאך ואהבת בכל לבבך ובכל נפשך, ביז בכל מאדך, וואס דער פירוש בזה איז "בכל מדה ומדה שהוא מודד", וואס דאס איז אלץ דער ענין פון מס"נ, איז מס"נ דער ענין פון אתדבקות רוחא ברוחא דא מער אין ק"ש; אין שמו"ע איז טאקע מער ביטול, אבער די מעלה פון מס"נ איז דא דוקא אין ק"ש.

דאס איז וואס ער ברענגט אין אוה"ת פון דעם צ"צ א משל פון דעם מגיד האלקי (דאס איז א מאדנער לשון - מגיד האלקי- אבער אזוי זאגט ער), פון א בן קטן און פון א צפור המדברת,

[וואס דא זעט מען א מאדנע זאך, אז אין חסידות ברענגט מען זייער זעלטן דעם משל פון א בן קטן, נאר מ'ברענגט אלעמאל דעם משל פון א צפור המדברת; דאס ברענגט זיך אין חסידות בכל מקום שהוא], אז א צפור המדברת קען ארויסרופן תענוג [וואס דער טעם פארוואס מ'ברענגט ניט דעם משל פון א בן קטן איז פארשטאנדיק מצד דעם וואס א בן קטן איז אויך א מדריגה, בפרט אז ער איז א בן וואס איז צועק אבא, וואס דאס איז שוין ווען ער איז צוויי יאר אלט, משא"כ א צפור המדברת איז שייך בכל אחד, ווארום אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרמון],

דערפאר איז אתדבקות רוחא ברוחא פאראן מער אין ק"ש, וואס ק"ש איז דאך בבריאה, משא"כ שמו"ע איז באצילות, וואס דאס

איז כמשל הביטול פון א חכם קטן לגבי א חכם גדול, וואס זיין ביטול איז מצד דעם וואס ער זעט א הפלאה אין דער מעלה פון דעם חכם גדול, משא"כ בבריאה איז כביטול פון אן איש פשוט לגבי א חכם גדול.

אעפ"י אז באצילות איז לכאורה אויך א ביטול אמיתי, וזארום דאס איז ניט קיין ידיעה נאר הפלאה, איז אבער א הפלאה אזיך א ידיעה, און דער תכלית הביטול איז אין דעם וואס והאופנים וחיות הקודש ברעש, וואס דארט איז ניטא קיין שום ידיעה,

אזוי איז דאס אויך בנוגע ק"ש ותפלה, אז תפלה איז באצילות, און ק"ש איז בבריאה, איז א טיפערער ביטול טאקע דא אין אצילות, אבער אן אמת'ער ביטול איז דא אין בריאה, וואס דערפאר איז אין בריאה דוקא, וואס דארט איז פאראן דער ענין פון מס"נ, דער ענין הק"ש, איז פאראן מער דער ענין פון אתדבקות רוחא ברוחא ווי אין אצילות.

ובמילא לגבי דעם ענין פון בקשת צרכיו איז ק"ש א הכנה צו שמו"ע, וואס איז עיקר ענין בקשת צרכיו, אבער בנוגע אתדבקות רוחא ברוחא איז שמו"ע בלויז ווי ביאור הק"ש; און דערפאר זאגט מען "אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש ומתוך שמחה" אויך בנוגע ק"ש - בשעת מ'רעדט וועגן אתדבקות רוחא ברוחא.

דערפאר איז אויך די התבוננות וואס דארף זיין אין גדולת א"ס ב"ה, וואס איז שייך צו אונז, איז דאס ווי ער זאגט אין דעם ערשטן חלק תניא, די התבוננות פון עולם הבריאה, משא"כ די התבוננות אין אצילות איז ניט שייכות צו אונז; דוקא די התבוננות פון עולם הבריאה, וואס דאס ברענגט שפעטער די עבודה פון ק"ש פון אתדבקות רוחא ברוחא.

וואס די צוויי ענינים זיינען דאך אויך פאראן אין קרבנות (וואס איז אויך דער ענין התפלה): עס זיינען דא בקרבנות אפילו בקרבנות דלי דלות ועאכו"כ קרבן עשיר, דער ענין פון בקשת צרכיו, דערנאך איז אויך דא דער ענין פון קרבנות וואס בשעת מ'איז מקריב די בהמה איז עס אזוי ווי מ'איז מקריב זיך, ווי דער ווארט פון דעם אלטן רבי'ן אויף "אדם כי יקריב מכם", אז מ'דארף זיך אליין מקריב זיין, וואס דאס איז דער ענין פון "ואשפוך את נפשי לפני ה'" (אינו ברור).

וואס בכללות זיינען דאס די צוויי ענינים וואס זיינען דא בעבודה: א) ווי דאס איז באצילות, וואס אויף דערוף זאגט מען "כאילו עשאוני", אז מ'טוט אויף די אלע ענינים אין אצי', מל', ז"א, בינה וחכמה, כל אחד ואחד כפי ענינו, און דערנאך איז דא דער ענין ב) "וממושבותיכם תביאו לחם תנופה", וואס דאס איז די עבודה פון בריאה, וואס דאס איז דער ענין פון אתדבקות רוחא ברוחא,

נאר וויבאלד אז תשובה דארף אראפקומען אין מע"ש, ווערט

דאס

דאס נמשך אויך אין דער דרגא פון תפלה, אז עס ווערט רופא חולים ומברך השנים מיט אריכות ימים ושנים טובות לכל אחד ואחת.

די יינה של תורה בפירוש רש"י: פון דעם וואס רש"י זאגט "ולמה אמר לשון יחיד אלקיך ליתן פתחון פה למשה ללמד סניגוריא במעשה העגל" זעט מען א דבר נפלא - אויף וויפל יעדער איד איז חביב ביי דעם אויבערשטן, אז וויבאלד דער אויבערשטער איז א יודע עתידות, און ער האט געזען אז עס וועט זיין דער חטא העגל, האט ער דערפאר געזאגט בלשון יחיד בכדי ליתן פתחון פה למשה.

אעפ"י דאס רעדט זיך וועגן א איד וואס האט עובר געווען אויף די הארבסטע עבירות, וואס אויף זיי שטייט יהרג ואל יעבור, און ניט נאר אויף די אנדערע צוויי ענינים ג"ע וש"ד, נאר פון די דריי עבירות גופא האט ער עובר געווען אויף עבודה זרה; ובפרט אז דאס רעדט זיך וועגן "אנכי ה' אלקיך", וואס דאס איז נאך העכער, ווי דער צ"צ איז מבאר פארוואס אנדערע רעכענען דאס ניט פאר א מצוה, ווייל פריער דארף זיין דער מצווה און דערנאך ערשט קענען זיין זיינע מצוות, ובלשון המכילתא "קבלו מלכותי ואח"כ קבלו גזרותי"; און דא רעדט זיך אז ער האט עובר געווען אויף "אנכי"; אעפ"כ זאגט מען, אז אויך צוליב דעם אידן זאגט דער אויבערשטער "אלקיך" בלשון יחיד.

נאך מער זעט מען: דער אויבערשטער וויל באווארענען אידן, אעפ"י פון דעם קען ארויסקומען א מקום לטעות אז שתי רשויות הן, זאגט אבער דער אויבערשטער כתוב והרוצה לטעות יטעה, און דאס איז כדאי בכדי אז משה רבינו זאל קענען מלמד זכות זיין אויף אידן.

אעפ"י דאס איז געווען גלייך נאך מ"ת - גלייך נאך דעם האט ער שוין עובר געווען אויף דעם ענין פון ע"ז, און ער וויל גארניט תשובה טאן, ער האלט זיך אן ביי דעם עגל, און מ'דארף אים מכריח זיין תשובה טאן, ווי עס שטייט ביי משה (תשא לב,כ) וישק את בנ"י - בע"כ, אעפ"כ באווארנט מען אים, ניט קוקנדיק וואס דאס גיט א מקום לטעות.

נאך מער: דא זעט מען אז כדי משה זאל קענען האבן א פתחון פה, האט דער אויבערשטער געזאגט אן ענין וואס איז ניט אמת, און ווי מפרשים מאטערן זיך אז וואס פאר אן ענין פון סניגוריא איז דאס, אלע האבן דאך געוואוסט אז דער אויבערשטער האט ניט גערעדט בלויז צו משה נאר צו אלע אידן, און אעפ"כ זאגט דער אויבערשטער אז ער רעכנט זיך ניט מיט קיינע קשיות און ער זאגט אפילו אן ענין וואס איז ניט אמת בכדי אז א איד ווי משה זאל קענען מלמד זכות זיין אויף אידן, אעפ"י אז ער אליין וויל ניט תשובה טאן.

והנמשל מובן לכל אחד ואחד בנוגע דעם ענין פון הפצת המעיינות והפצת היהדות, אז ס'איז ניטא וואס צו מאכן חשבונות אז מיט

אז מיט דעם וועט ער זיך יא אפגעבן און מיט דעם ניט, נאר ווי מ'זעט ווי ראס איז געווען ביי דעם ערשטן דיבור פון די עשרת הדברות, אז גלייך וואו ס'איז נאר געווארן אן ארט אויף נבראים, האט מען דאס גלייך באווארנט; אין "אנכי" איז ניט שייך קיין נבראים, און אין "הוי'" איז ניטא קיין נבראים, משא"כ אין "אלקיך", וואס דארט איז שוין דא א מקום אויף נבראים, איז גלייך דארט האט מען שוין באווארנט, אז אויף יעדער אידן דארף מען זובן א פתחון פה, און מיט יעדער איד דארף מען האבן צו טאן, ביז אז מ'וועט צוזאמען-קלייבן די אלע ששים רבוא אידן צוזאמען מיט די ששים רבוא אותיות בתורה, וואס ישראל איז א ר"ת "יש ששים רבוא אותיות לתורה", און מ'וועט בקרוב ממש ארויסגיין צוזאמען מיט דער ספר תורה לקבל פני משיח צדקנו, ושמחת עולם על ראשם!!

ז. מ'האט געערעדט פריער וועגן דעם וואס ער זאגט אין אגה"ת פרק י' אז תפלה איז דער ענין פון תשו"ע, אתדבקות רוחא ברוחא, און דאס פועל'ט שפעטער אין אלע ענינים פון תומ"צ, איז דאס דער ענין פון תו"ת, ווי די רביים, כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע און כ"ק מו"ח אדמו"ר האבן מייסד געווען די ישיבה אז דארט זאל זיין לימוד התורה מיט אהבת השם ויראת השם וואס דאס קומט ע"י עבודת התפלה, ביז דאס קומט אראפ בלימוד המביא לידי מעשה, אין גמ"ח און כל המצוות.

איז דאס אויך פארבונדן מיט דעם וואס מ'מאכט דאס וואס מ'רופט אן אין גוי'שן לשון א "דינער" - וואס דארבן דארף דאס זיין א התועדות - וועט מען מסתמא איצטער מכריז זיין דעם זמן ומקום וואו דאס וועט זיין, און זאל דאס זיין בהצלחה רבה ברוחניות ועאכו"כ הצלחה רבה בגשמיות, וואס ליידער איז היינט גרינגער אז עס זאל זיין הצלחה בגשמיות ווי ברוחניות, און אשרי חלקם פון כל אחד ואחד מהמשתתפים, און עס זאל נמשך ווערן פון לי הכסף ולי הזהב, און דאס זאל אראפקומען במקום הראוי, ביז מ'וועט אויפשטעלן די צבאות ה' וואס וועלן ארויסגיין על צבאותם ובכל צבאותם, אזוי ווי מ'איז ארוים פון ארץ מצרים, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו וכימי צאתך מארץ מצרים, און אין אן אופן פון אראנו נפלאות!!!

(נתן את המזונות בשביל המלוה מלכה, וטרם צאתו התחיל לנגן "ואני אבטח בך).

==========================

הנחת הת' בלתי מוגה